ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

שניאורסאהן

מליובאוויטש

## תולדות

יוצא לאור על ידי מערכת

"אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ושתים לבריאה

שנת המאה להולדת כ"ק אדמו"ר מה"מ

לעילוי נשמת

הרה"ת ר' רחמים ב"ר יואב ע"ה

אנטיאן

נפטר בדמי ימיו - בליל שמע"צ ה'תשס"ב

ת. נ. צ. ב. ה.

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

## תולדות ב

**א.** בקשר מיט דעם וואס דער פסוקי[1] זאגט „ויגדלו הנערים" שטייט אין ילקוט שמעוני[2]: „ועשו הי' בכלל אלא שקלקל במעשיו". דאס הייסט, אז דער טייטש פון „ויגדלו" איז (ניט נאר גידול בגשמיות, אין יארן, נאר) — גדלות ברוחניות, און ווי דער ילקוט זאגט פאר דעם „האדם הגדול בענקים[3] . . הגדול אלו אברהם יצחק ויעקב שנקראו גדולים". און דאס וואס מ'געפינט נאכדעם אז עשו איז געווען (ניט קיין „גדול" ברוחניות, נאר להיפך) א רשע, איז ווייל „קלקל במעשיו".

אויך דער זהר[4] איז מפרש, אז „ויגדלו הנערים" מיינט א רוחניות'דיקע גדלות, וז"ל: „ויגדלו הנערים, סטרא דאברהם גרים לון לאתגדלא וזכותי' סייע לון, הוא הוה מחנך לון במצות . . לאסגאה יעקב ועשו" — וואס דאס איז נאך מער במפורש והדגשה ווי לויטן פירוש הנ"ל פון ילקוט:

אין ילקוט קען מען איינטייטשן (בדוחק עכ"פ), אז דער „ויגדלו" וואס באציט זיך אויך אויף עשו'ן, מיינט ניט גדלות רוחנית בפועל, נאר בלויז אן אפשריות צו זיין א גדול ברוחניות, „אלא שקלקל במעשיו".

אין זהר אבער שטייט בפירוש, אז דער „ויגדלו" מיינט אז יעקב ועשו זיינען געווארן גדולים (ברוחניות) בפועל, ביז צו עשיית המצות בפועל — „הוא הוה מחנך לון במצות".

דארף מען פארשטיין: ווי קען מען זאגן אז עשו (מצד עצמו) איז געווען ראוי צו זיין א גדול ברוחניות, און נאכמער, אז ער איז בפועל געווען א גדול (נאר דערנאך „קלקל במעשיו") — בעת אז אויפן פסוק[5] „ויתרוצצו הבנים בקרבה" זאגן חז"ל[6] (און דער זהר אליין[7] ברענגט דאס גלייך נאכן פירוש הנ"ל אין „ויגדלו הנערים"), אז שוין במעי אמו האט עשו זיך „געריסן" צו ע"ז?

נאך מער: גלייך נאך „ויגדלו הנערים" איז דער פסוק ממשיך „ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה", ד.ה., אז דער „ויגדל(ו)" פון עשו האט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואס „ויהי עשו איש יודע ציד גו'" — היינט ווי קען מען זאגן אז דער „ויגדלו" מיינט גדולה רוחנית?

**ב.** לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן (די ערשטע שאלה הנ"ל):

חז"ל[8] זאגן אז א תינוק במעי אמו „מלמדין אותו כל התורה כולה . . וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה", (וי"ל טעם העקרי — אויב ער וועט ניט פארגעסן כל התורה כולה, וועט פעלן אין זיין בחירה חפשית — עס דארף דאך זיין „נתתי[9] לפניך . . את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע" באופן שווה).

---

1) פרשתנו כה, כז.
2) יהושע רמז כג.
3) יהושע יד, טו.
4) פרשתנו קלח, סע"ב. — ביאור ג' הענינים שבפעולת אברהם על יעקב ועשו ראה לקוטי לוי יצחק לזהר שם.
5) פרשתנו כה, כב.
6) ב"ר פס"ג, ו. פרש"י עה"פ.
7) קלט, רע"א.
8) נדה ל, ב.
9) נצבים ל, טו.





**דימות המשיח), באים** כתוצאה והסתעפות **מהתגלות מציאותו,** וכלולים בה.

. . . ובנוגע לפועל — „המעשה הוא העיקר"[8] . . צריך כאו"א מישראל להוסיף ביתר שאת וביתר עוז בהדגשת הענין ד„כל ימי חייך להביא לימות המשיח", ע"י שכל מציאותו, תיכף כשניעור משנתו, חדורה בהחיות דמשיח (שזוהי עצם מציאותו של כאו"א מישראל, משיח שבו) שמביאה לימות המשיח.

. . . ויה"ר והוא העיקר — שבתחלת חודש כסלו, חודש הגאולה, תבוא בפועל ובגילוי הגאולה האמיתית והשלימה, התחלת הגאולה ושלימותה, ע"י משיח צדקנו — „יעמוד מלך מבית דוד כו'", עד ש„יתקן את העולם לעבוד את ה' ביחד, שנאמר[9] אז אהפוך אל עמים גו' לעבדו שכם אחד"[5].

**וכמרומז גם בסיום וחותם ההפטרה דשבוע שעבר . . ההפטרה דשבוע שעבר מסתיימת בהכרזה** „יחי אדוני המלך דוד לעולם"[10] **— נצחיות מלכות דוד שנמשכה במלכות שלמה, ששלימותה ע"י המלך המשיח שהוא „מבית דוד ומזרע שלמה"[11] — שתוכנה של הכרזה זו הוא התגלות** מציאותו **דמלך המשיח.**

**ועי"ז ולאח"ז באה התגלותו לעין כל ע"י פעולותיו כו'. . .**

(משיחות ליל ה' פ' תולדות, אדר"ח כסלו, וש"פ תולדות, ב' כסלו תשנ"ב)

---

8) אבות פ"א מי"ז.
9) צפני' ג, ט.
10) מ"א א, לא.
11) סהמ"צ להרמב"ם מל"ת שסב. פיה"מ סנהדרין ר"פ חלק יסוד הי"ב. אגרת תימן.

(„כל הנשמה תהלל י-ה", „על כל נשימה ונשימה שאדם נושם כו'"[2]) שמוכרח להיות בכל רגע ורגע (משא"כ אכילה ושתי'). ו„כל ימי חייך להביא לימות המשיח" – פירושו שהחיות שלו (בכל רגע ורגע) הוא בהבאת ימות המשיח, כלומר, לא רק בשעה שחושב ומדבר ועושה פעולות להבאת המשיח, אלא עצם חיותו („חייך") הוא להביא לימות המשיח.

**...ובפרטיות יותר:**

הענין ד„כל ימי חייך להביא לימות המשיח" מתבטא בכך שתיכף כשניעור עצם הנשמה (שמתגלה עצם מציאותו ורק העצם) מרגיש בנשימת האויר ענינו של משיח – אויר של משיח, ובלשון חז"ל[3] „רוחו של מלך המשיח".

ויש לומר, ש„אויר (רוח) של משיח" הוא למעלה גם מ„אורו[4] של משיח", כי, אור של משיח מורה על ההתגלות דמשיח ע"י פעולותיו (כמו „ילחם מלחמות ה'" עד ש„נצח"[5], וכיו"ב), משא"כ אויר של משיח מורה על העצם (חיות) דמשיח, כלומר, התגלות מציאותו (מציאות שקיימת גם לפנ"ז למלכות[6]) בתור מלך המשיח, ולאחרי התגלות מציאותו (אויר שבאין ערוך מאורו של משיח), מתחילה ההתגלות לעיני כל ע"י פעולותיו (אור של משיח).

ועפ"ז מובן שעיקר החידוש דביאת המשיח הוא בהתגלות מציאותו („מצאתי דוד עבדי"[7]), כי, כל פרטי הענינים שלאח"ז (התגלותו לעין כל ע"י פעולותיו לגאול את ישראל, וכל הענינים

---

2) תהלים בסופו. ב"ר פי"ד, ט. דב"ר פ"ב, לז.

3) ב"ר פ"ב, ד. פ"ח, א.

4) זח"ג לד, ב. נת' בלקוטי לוי"צ לזח"ג ע' ריט ואילך.

5) רמב"ם הל' מלכים ספי"א.

6) „מאותן הבאים מבני דוד ועדיין הי' להם ממשלה גם בגלות . . כגון רבינו הקדוש" (חדא"ג מהרש"א לסנהדרין צח, ב).

7) תהלים פט, כא.





דערפון איז אויך פארשטאנדיק בענינינו, אז בשעת הלידה איז אט די „הנהגה" (צו „רייסן" זיך צו ע"ז) נשכח געווארן פון עשו (כדי ער זאל האבן בחירה חפשית), און דער חינוך פון אברהם וכו' האט געווירקט בכל התוקף.

אבער דאס איז ניט מספיק, ווייל סוף סוף האט די הנהגה במעי אמו איבער־געלאזט אויף אים א רושם, א טבע פון ציען זיך צו ע"ז, וואס האט געבראכט אז ער זאל זיך פורש זיין לע"ז בגדלותו; און ווי עס שטייט בפירוש אין זהר, אז זיין שפעטערדיקע פרישה לע"ז (בגד־לותו) איז געקומען „בגין כך" וואס דאס איז „דוכתי' דאתחזי לי'"[10], מצד זיין רייסן זיך לע"ז במעי אמו.

[ס'איז ע"ד ווי דאס איז אין צד הקדו־שה הנ"ל, אז דער לערנען כל התורה כולה במעי אמו, אע"פ אז דערנאך „משכחו כל התורה כולה", איז (ווייל דער לימוד במעי אמו לאזט איבער א רושם אין דעם קינד[11]) אז ער זאל זיך דערנאך „ציען" צו תורה].

איז הדרא קושיא לדוכתא: ווי זאגט מען אז „ועשו הי' בכלל (די „גדולים") אלא שקלקל במעשיו"?

ג. אויפן פסוק „ויתרוצצו הבנים בקרבה" זאגן חז"ל[12] נאך א פירוש, אז די „התרוצצות" און קריגעריי צווישן יעקב און עשו איז געווען „בנחלת שני עולמות", „בשביל העולם הזה והעולם הבא".

איז תמוה[13]: אין וואס איז באשטאנען די מריבה צווישן יעקב ועשו? עשו האט געוואלט עולם הזה, און יעקב — עולם הבא; האבן זיי דאך ניט געהאט וועגן וואס צו קריגן זיך!

מוז מען זאגן, אז עשו האט געוואלט ניט נאר עוה"ז, און יעקב — ניט נאר עוה"ב, נאר יעדערער פון זיי האט גע־וואלט ביידע עולמות;

איז תמוה: פארוואס זאל עשו הרשע וועלן עולם הבא[14]?

ד. וועט מען דאס פארשטיין בהק־דים הביאור אין דעם מאמר חז"ל הנ"ל, אז שוין במעי אמו האט זיך עשו גע־ריסן צו ע"ז — דלכאורה איז דאס תמוה ביותר:

די אבות זיינען געווען א „מרכבה"[15] צו רצון העליון, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא[16] אז „כל אבריהם כולם . . (ו)לא נעשו מרכבה רק לרצון העליון לבדו כל ימיהם"; איז דאך פשוט, אז זייערע תולדות זיינען געבארן געווארן בתכלית הקדושה, און אין זיי איז פא־ראן דער „כח האב" (ואדרבה, די עצמיות פון דעם אב)[17] — היינט ווי קען זיין אז יצחק'ס א זון זאל זיך ציען בטבע שלו צו עבודה זרה?!

דאס וואס עשו איז דערנאך אויסגע־וואקסן א רשע, איז קיין קשיא ניט, ווייל „קלקל במעשיו" — יעדער מענטש איז א בעל בחירה צו פירן זיך ווי ער וויל,

---

10) שמזה משמע שזה הי' יותר מ„טבע..(שרק) מוכן לחסרון" (שמונה פרקים להרמב"ם רפ"ח. ע"ש). וראה ב"ר שם.

11) אוה"ת שה"ש ריש ע' עג. וראה מפרשי הע"י נדה שם. לקו"ת שלח מד, א. אוה"ת ראה ע' תרלח. לקו"ש ח"ה ע' 13.

12) יל"ש ופרש"י עה"פ. סדר אליהו זוטא פי"ט (אבל שם משמע שלא הי' בזה מריבה).

13) ראה גם של"ה פרשתנו רפט, א.

14) ראה תנחומא תרומה ט (ותנחומא באבער שם ז) דיעקב שותף עם עשו בעוה"ז, אבל עשו אינו שותף עם יעקב לעוה"ב.

15) ב"ר פמ"ז, ו. פפ"ב, ו.

16) פכ"ג.

17) ראה גם לקו"ש חט"ז ע' 194 ובהנסמן בהערה 35 שם.

און עשו האט בוחר געווען (מפני הסביבה, הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו, געהאט צוטאן מיט נמרוד'ן[19] וכו') צו מקלקל זיין במעשיו. דאס איז אבער „מעשיו" — די מעשים וואס ער (בבחירתו) האט (דורך זיי) מקלקל געווען; ס'איז ניט געקומען פון יצחק ח"ו, נאר (כדיוק לשון חז"ל[18]) „יצחק (ש)יצא ממנו עשו", עשו איז ארויס און זיך אפגעטיילט — יצא ונפרד[20] — פון תחומו של יצחק.

דא זאגט מען אבער, אז נאך איידער ער איז געבארן געווארן — דאס הייסט, נאך פארן אפטיילן זיך פון דער פארבונדנקייט מיט (יצחק ו)רבקה — האט ער זיך שוין געצויגן צו עבודה זרה!

[און עד כדי כך איז דאס ביי אים געווען איינגעווארצלט, ביז אז דאס האט גורם געווען (כנ"ל פון זהר) אז ער זאל זיך פורש זיין לע"ז בגדלותו].

ה. דער ביאור בזה:

ס'איז ידוע[21] בענין „מעשה אבות סימן לבנים", אז „מעשה אבות" איז די נתינת כח אויף דער עבודה פון („בנים") אידן. דערפון איז מובן, אז אלע אופני עבודת ה' וועלכע זיינען פאראן ביי די „בנים", זיינען אויך פאראן (באופן של „סימן" עכ"פ) אין מעשה אבות.

דער רמב"ם אין שמונה פרקים[22] איז מבאר בארוכה די צוויי אופני עבודה — „החסיד המעולה" (וואס איז מלכתחילה מתאווה נאר צו טוב), און „הכובש את יצרו" (וועלכער איז „מתאווה אל הפעולות הרעות . . ויכבוש את יצרו").

פאדערט זיך הסברה: וויבאלד „האבות הן הן המרכבה", כנ"ל — וואו איז דער „סימן לבנים" פון „מעשה אבות" אויף דער עבודה פון „כובש את יצרו"[23]?

נאך מער: א „כובש את יצרו" לכל הפחות טוט ניט קיין רע בפועל; ער איז נאר מתאווה צו „פעולות הרעות", אבער בפועל — „יעשה (נאר) הטובות". עס איז אבער פאראן ביי אידן די עבודה פון תשובה, צו פארריכטן א מעשה בלתי טוב — ווי איז שייך דער ענין פון תשובה (אין פשוטן זין) אין „מעשה אבות", וואס דערפון זאל ווערן א „סימן (ונתינת כח) לבנים"?

ו. לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן, אז אע"פ אז די אבות האבן ניט געהאט קיין שטערונגען מבפנים ח"ו[24], זיינען אבער געווען שטערונגען מבחוץ, פון דעם ארום (כנ"ל), וואס זיי האבן געדארפט „כובש" זיין.

קומט אויס, אז זייער עבודה האט זיך געטיילט אין צוויי סוגים: די עבודה בעלי' מדרגא לדרגא אין קדושה גופא; און דאס וואס זיי האבן זיך מתגבר געווען אויף די מניעות מבחוץ — וואס די התגברות ו„כיבוש" אין עבודת האבות איז א נתינת כח (סימן לבנים) אויף דער עבודה פון „כובש את יצרו".

18) רש"י פרשתנו כז, טו (מב"ר עה"ס. פדר"א פכ"ד. תיב"ע פרשתנו כה, כז. ועוד).

19) פסחים נו, א. ועוד.

20) לקו"ת ואתחנן ה, א. שה"ש ט, ד. ובכ"מ.

21) ראה לקו"ש ח"ה ע' 79 הערה 20. חט"ו ע' 76 הערה 12 (ועוד). וש"נ.

22) פ"ו.

23) אף שבדוחק י"ל עכ"פ בנוגע לאברהם — שעד שלימותו בהכיר את בוראו והיותו מרכבה היתה עבודתו באופן של כובש את יצרו (ולהעיר מב"ב יז, א ובתוד"ה שלשה לא שם).

24) להעיר מזה שאברהם „כבש את רחמיו כו'". אבל לכאורה אי"ז דומה כלל להענין דכובש את יצרו.





דארף מען טאן אין „שדה", בכדי צו „פאנגען" ציד פון עניני העולם און דערפון מאכן „מטעמים" פארן אויבערשטן[46], אבינו שבשמים.

און אע"פ אז כדי צו דורכפירן די עבודה דארף מען זיין א „יודע ציד" — מען דארף זיך „אנטאן" אין לבושי העולם, און וויסן אין וואס וועלט „קאכט" זיך, ווען מען רעדט מיט א אידן וועלכער געפינט זיך ר"ל אין „שדה", און מען דארף אים מקרב זיין צו אידישקייט — קען מען מיט אים ניט ריידן אין לשון הקודש און א סגנון וואס איז מתאים פאר די וואס זיינען „יושב אהלים", נאר מען דארף ריידן אין שפת המדינה און דער תוכן פון די רייד איז אין א „לבוש" המתאים פאר אן „איש השדה" ובלשון הרמב"ם[47]: יזרז אותו בדברים שהם אהובים אצלו לקטנות שניו כו' אגוזים כו' וכשיגדיל — מנעלים יפים וכשיהי' שלם בשכלו יותר — ממון כו' יכבדוך; וכל זה מגונה ואמנם יצטרך למיעוט שכל האדם. —

און חאטש אז דערווייל רעדט ער וועגן דער שטרעבונג צו אגוזים וכו' — וויבאלד אז ער טוט עס בהמשך פון זיין עבודה אלס „יושב אהלים", פארהיט דאס אים, אז זיין עבודה אין שדה זאל זיין לויט דרכי התורה[48]: ס'איז „תולדות יצחק . . האמורים בפרשה".

און דורך דעם וואס מען פירט דורך די עבודה פון „תולדות יצחק" אין ביידע סוגי עבודה הנ"ל, איז מען זוכה בקרוב צו דעם זמן ווען יאמרו ליצחק „כי אתה אבינו"[49], בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

(משיחת ש"פ תולדות תשמ"א)
לקו"ש ח"ב ע' 108

46) ראה תניא פכ"ז.

47) פיהמ"ש סנה' ר"פ חלק.

48) להעיר מפרש"י פרשתנו שם: במרמה — בחכמה.

49) שבת פט, ב. תו"א יז, ג. כא, ג. תו"ח פרשתנו י, ג ואילך. ויצא כד, ד ואילך. ובכ"מ.

## בשורת הגאולה

# מט.

**הנקודה העיקרית שבחיי כאו"א מישראל וכללות ישראל במשך כל הדורות:** „כל ימי חייך להביא לימות המשיח"[1], **ובהדגשה יתירה בדורנו זה ובתקופתנו זו, כמדובר כמ"פ בתקופה האחרונה (שכבר נשלמו כל הענינים וצריכים רק** לקבל **פני משיח צדקנו בפועל ממש).**

**. . . „כל ימי חייך" — פירושו בכל רגע ורגע שהאדם חי, הן ביום והן בלילה, הן ער והן ישן, שגם אז הוא חי ע"י נשימת האויר**

1) ברכות יב, סע"ב — במשנה.

פון אברהם[41] און עשו „יצא", האט זיך אפגעריסן פון זיין שייכות צו יצחק, האט ער מקלקל געווען און איז געווארן „איש יודע ציד איש שדה" בפשטות, יצא לתרבות רעה.

יו"ד. דער ביאור הנ"ל — אז ווי עשו ווערט נולד פון יצחק איז ער טוב — איז מתאים ונלמד פון דעם ביאור פון אלטן רבי'ן[42] הטעם פארוואס יצחק האט געוואלט געבן די ברכות צו עשו'ן,

אז דאס איז דערפאר וואס יצחק האט געקוקט אויף עשו'ן ווי ער איז מצד רישי' (שרשו), וואס דארט דערהערט זיך, כנ"ל, דער טוב ועילוי פון דעם ענין וסדר עבודה אין וועלט — ניט צו נתפעל ווערן פון די העלמות אין עוה"ז, ואדרבה, צו פועל זיין, כובש זיין אז וועלט גופא זאל נתברר ונתעלה ווערן אין קדושה.

אעפ"כ זיינען די ברכות געגעבן געווארן דוקא צו יעקב, ווייל נאר ער האט געהאט דעם כח צו מברר זיין עוה"ז[43]; דוקא דורך דעם וואס מ'איז א „יושב אהלים" (מ'האט דעם כח התורה) קען מען דערנאך מברר זיין עוה"ז און מאכן פון עולם א דירה לו ית'.

יא. און דאס איז אויך די הוראה בעבודה בפועל:

אע"פ אז אידן זיינען בני יעקב — מיינט עס ניט אז זיי דארפן זיך באגנוגענען מיט דער עבודה פון „יושב אהלים", ואמחז"ל[44] כל האומר א"ן לי אלא תורה אפילו כו', נאר עס דארף ביי זיי זיין אויך די עבודה פון „איש שדה", ווייל אויך די עבודה איז איבערגעגעבן געווארן צו יעקב'ן.

און ווי דער רמז[45] אין פירוש רש"י אויף „ואלה תולדות" — „יעקב ועשו האמורים בפרשה": א איד דארף וויסן אז עס מוזן זיין ביידע „תולדות" (— סוגי עבודה), סיי (עבודת) יעקב און סיי (עבודת) עשו, אבער ח"ו ניט ווי עשו איז געווען בפועל, נאר אין דעם אופן ווי „אמורים בפרשה" — ווי עשו (ועבודתו) זיינען ע"פ תורה.

און כדי דאס צו דורכפירן, דארף מען פריער מקדים זיין די עבודה פון יעקב — „איש תם יושב אהלים" [וכמרומז אויך אין פירוש רש"י הנ"ל, וואס ער איז מהפך סדר ההולדה און איז מקדים יעקב לעשו]: פריער דארף מען זיך אפגעבן מיט לימוד התורה, און אין אן אופן פון „איש תם": לערנען תורה בתמימות — ניט צו פרואוון פארקרימען ח"ו וואס שטייט אין תורה, אריינטייטשן „יצרו" ח"ו אין תורה, נאר זוכן דעם אמת פון תורה.

צוזאמען דערמיט דארף מען וויסן, אז ביי דעם טאר מען זיך ניט אפשטעלן. נאך דער עבודה פון „יושב אהלים"

---

41) בלשון הזהר — „סטרא" ו„זכותי" וחינוכו של אברהם. ומתאים עם מחז"ל (ב"ב טז, ב. פרש"י פרשתנו כה, ל. ועוד) שעשו מרד לאחרי מיתת אברהם. וידועה השקו"ט במ"ש רש"י עה"פ (שם, כז) ויגדלו הנערים „כיון שנעשו בני י"ג שנה" (ולא — ט"ו). ואכ"מ.

42) תו"א פרשתנו כ, ג. מאמרי אדה"ז — תקס"ה (כרך א) ע' יז ואילך. עה"ת (בראשית שמות) פרשתנו ע' קסב ואילך. תו"ח פרשתנו יט, ד ואילך. אוה"ת פרשתנו קנא, ב ואילך.

43) שלכן מצינו ענין ה„רמאות" גם אצל יעקב, ד„בא אחיך במרמה" (פרשתנו כז, לה), „אם לרמאות הוא בא גם אני אחיו ברמאות" (פרש"י ויצא כט, יב).

44) יבמות קט, ב.

45) ראה גם לקו"ש חט"ו ע' 198. לקמן ע' 341 ואילך. ולהעיר מאוה"ת פרשתנו (כרך ד) תשצט, ב ואילך.





אבער דאס איז, לכאורה, ניט קיין ביאור מספיק. ווייל אין כמה פרטים איז שווערער צו זיין א „כובש את יצרו" (צו מתגבר זיין אויף די מניעות מבפנים) ווי צו זיך מתגבר זיין אויף מניעות שמבחוץ — ולפ"ז: ווי אזוי איז אויף דער עבודה פון אידן א נתינת כח פון מעשה אבות?

איינע פון די הסברות אין דעם: די מעלה פון „כובש את יצרו" איז אין דעם, וואס אט די „גבורה"[25] קעגן זיין יצר ברענגט ארויס ווי שטארק ער איז צוגעבונדן צום אויבערשטן — אז כאטש ער איז מתאווה צו פעולות הרעות, פונדעסטוועגן שוואכט עס ניט אפ זיין רצון צו פאלגן דעם אויבערשטן און טאן בלויז טוב.

ועד"ז — און נאך מער — איז די מעלה ו„גבורה" פון א בעל תשובה[26], אז טראץ דעם וואס ער איז דורכגעפאלן און געטאן אן עבירה, איז ביי אים דער אינערליכער פארבונד מיטן אויבערשטן מיט אזא תוקף, ביז דאס ברענגט אים צו כובש זיין דעם רע — חרטה האבן אויפן עבר און זיך אומקערן לעבודת ה'.

און דערפאר איז „מעשה אבות סימן לבנים" אויך בנוגע צו דער עבודה פון „כובש את יצרו" און עבודת התשובה — ווייל אט דעם תוקף ההתקשרות צום אויבערשטן, וואס קיין זאך קען איר ניט אפשוואכן, האט מען בירושה פון די אבות, וואס זיינען געווען שטענדיק א „מרכבה" צום אויבערשטן באופן אז אין דעם איז ניט געווען שייך קיין הפסק „אפילו שעה אחת"[27].

און דעריבער, אע"פ אז די „גבורה" פון די אבות האט זיך אויסגעדריקט בפועל נאר בשייכות צו מניעות מבחוץ, איז אבער די סיבת ה„גבורה" — וואס דאס איז דער תוקף ההתקשרות צום אויבערשטן — א נתינת כח לבנים לגבי זייערע מניעות מבפנים[28].

ז. וויבאלד אז עבודת האבות האט זיך געטיילט אין די צוויי סוגים הנ"ל, האט זיך דאס אזוי אויך אפגעשפיגלט בנוגע זייערע תולדות: די אבות האבן געהאט צוויי סוגי „תולדות", בהתאם צו די צוויי סוגי עבודה[29] — „החסיד המעולה" און „הכובש את יצרו".

ובעניננו, זיינען דאס די „תולדות יצחק" — „יעקב[30] ועשו האמורים בפרשה"[31]: יעקב איז „איש תם יושב אהלים"

---

25) אבות רפ"ד.

26) ראה רמב"ם הל' תשובה (פ"ז ה"ד) „טעם טעם החטא ופירש ממנו וכבש יצרו . . כובשים יצרם יותר מהם (צדיקים)". וראה מאמרי אדה"ז — תקס"ט ע' ריד.

27) ל' התניא רפל"ד.

28) ואף שיש עילוי בתשובה (מאהבה) שעל ידה זדונות נעשו לו כזכיות (יומא פו, ב) — הרי [נוסף לזה שע"י הנסיונות שנתנסו האבות נפעל עילוי זה גם אצלם (ראה דרמ"צ (קצא, א־ב) שע"י נסיונות מבררים הניצוצות שבגקה"ט כמו ע"י תשובה), הנה] עילוי זה הוא חוצאה מעבודתו, מחמת גודל אהבתו לה' (תניא פ"ז), שזו הרי היא ירושה מהאבות.

וכן מה שבע"ת משכי לי' בחילא יתיר (זח"א קכט, ב), שמצד זה בע"ת יותר נעלה ממעלת ומדרגת אברהם אבינו שהי' מרכבה (ראה בארוכה דרושי מי יתנך — מאמרי אדה"ז תקס"ה (כרך א) ע' תפז ואילך. אוה"ת שה"ש (כרך ב) ע' תרנא ואילך. ובכ"מ). — אולי י"ל דאין זה מצד נפשם האלקית, כ"א מצד נפשם החיונית כשמתהפכת לקדושה (כמבואר בארוכה בדרושים הנ"ל). אבל עצם (וסיבת) הקירוב של הבע"ת לקדושה הוא מצד תוקף ההתקשרות של נפה"א (הבא בירושה מהאבות).

29) שזהו „תולדות" הצדיק ברוחניות, ד„תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים" (רש"י ר"פ נח ממ"ר ותנחומא עה"פ. וראה סוטה מו, סע"א: מאי פירות . . מצות).

30) ל' רש"י ריש פרשתנו.

31) ועד"ז בתולדות אברהם — יצחק וישמעאל. וגם אצל יעקב היו מעין ב' סוגים אלו, ע"ד החילוק דיששכר וזבולון (וראה אוה"ת פרשתנו קנד, סע"א). וראה ב"ר (פפ"ד, יט) בנוגע לראובן: אתה פתחת בתשובה.

— „החסיד המעולה": און עשו איז „איש יודע ציד גו'" — בהתאם צו דער עבודה פון כובש את יצרו. און דאָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אַלס „תולדות" — ויתרוצצו במעי אמם.

דער חילוק איז אָבער: ביי די אבות, וואָס הן הן המרכבה, איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַ מציאות של רע ח"ו; משא"כ באַ זייערע תולדות, וואָס תולדות זיינען דאָך ניט „אבות", נאָר מחוץ להם, איז שייך אַ מציאות פון רע, נאָר זייענדיק תולדות פון די אבות איז עס (ניט קיין רע ממש וגמור[32], נאָר) אין אַן אופן אַז זיין מציאות איז בלויז כדי צו אַרויסרופן דורכדעם דעם ענין פון כובש את יצרו.

[ע"ד המבואר אין מאמר חז"ל[33] „איני יודע באיזה מהם חפץ, אם במעשה אלו (מעשיהן של רשעים) אם במעשה אלו (מעשיהם של צדיקים)" — דלכאורה תמוה: וואָס פאַר אַ קס"ד קען זיין אַז דער אויבערשטער זאָל זיין חפץ במעשיהן של רשעים?

שטייט אויף דעם דער ביאור[34], אַז דער ענין פון חפץ במעשיהן של רשעים איז — דער חפץ אין כובש זיין די מעשים, עבודת התשובה; מצד דעם אויבערשטן, וואָס „לא יגורך רע"[35], איז די מציאות פון „מעשיהן של רשעים" (ניט דער רע ח"ו, נאָר) — די עבודת התשובה וואָס קומט דורך דעם[36]].

ועד"ז בנוגע צו עשו: דאָס וואָס ער איז געווען און דערנאָך געבאָרן געוואָרן מיט אַ טבע פון ציען זיך צו עבודה זרה, איז דאָס (מצד יצחק'ן) געווען בלויז כדי צו קענען דורכדעם דורכפירן די עבודה פון כובש את יצרו;

נאָר אַזוי ווי עשו איז געווען אַ בעל בחירה, איז „קלקל במעשיו" און „יצא ממנו" — ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון (קדושתו של) יצחק, און האָט, אדרבא, אַרויסגעבראַכט דעם רע מן הכח אל הפועל.

ח. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין די „התרוצצות" ומריבה צווישן יעקב ועשו וועגן „נחלת שני עולמות": ווי־באַלד דאָ רעדט זיך וועגן עשו ווי ער איז נאָך במעי אמו — ד.ה., ווי ער איז נאָך אין תחום הקדושה כנ"ל — איז פאַרשטאַנדיק, אַז זיין דעמאָלטיקער וועלן עוה"ז איז אַן ענין אין קדושה, למעליותא, וואָס קומט אַלס תוצאה פון דעם וואָס ער איז „תולדות" יצחק —

איינער פון די חילוקים צווישן דער עבודה פון „החסיד המעולה" און „כובש את יצרו" איז: ביי אַ „חסיד המעולה", היות אַז זיין עבודה איז די עלי' מדרגא לדרגא אין קדושה גופא, דעריבער דערהערט זיך ביי אים, אַז דער עיקר ותכלית איז שלימות העלי' — עולם הבא (וואָס איז אַן עולם ברור, אַן קיין (תערובת טוב ו)רע, כולו קודש), און דערצו שטרעבט ער און וויל;

משא"כ ביי אַ כובש את יצרו ווערט דערהערט, ווי דער עיקר מעלה באַשטייט אין דער עבודה בעוה"ז, וואו עס זיינען פאַראַן מניעות ועיכובים והעלמות והסתרים און ער איז זיך אויף זיי מתגבר וכובשם.

און דערפאַר איז די „התרוצצות"

(32) ובפרט שבנוגע לעובר במעי אמו לכאורה לא שייך לומר שיש בו (ציור) רע בפועל, כ"א בכח. — ועיין סנה' (צא, ב. ב"ר פל"ד, י) מאימתי יצה"ר שולט באדם כו'.

(33) ב"ר ספ"ב.

(34) אוה"ת עקב ע' תקה (וראה יפ"ת לב"ר שם). וראה לקו"ש חט"ו ע' 178 הערה 49.

(35) תהלים ה, ה. וראה לקו"ת במדבר ג, ג.

(36) להעיר מלקו"ש חט"ז ע' 412 ואילך.





צווישן יעקב ועשו געווען בנוגע „נחלת שני עולמות": יעדע פון די צוויי אופנים עבודה איז כלול אויך פון דעם צווייטן אופן: אויך אַ „חסיד המעולה" דאַרף טאָן עבודתו אין עוה"ז דוקא; און לאידך, מוז אַ כובש את יצרו עולה זיין מדרגא לדרגא אין קדושה גופא — ער מוז זיך אָפּרייסן פון עוה"ז (אפילו פון דער עבודה מיט עוה"ז — צו מברר זיין עוה"ז און אים מהפך זיין לקדושה)[37] און אָפּגעבן זיך (מזמן לזמן עכ"פ) אויף דער עבודה פון („עוה"ב" שבעוה"ז) „יושב אהלים".

דער חילוק איז אָבער: ביי דעם חסיד המעולה איז די ירידה אין עוה"ז צוליב עוה"ב — צוקומען דורך עוה"ז צו דער העכסטער דרגא אין עלי' בקודש; און ביי אַ כובש את יצרו איז פאַרקערט: דאָס וואָס ער איז זיך עוסק אין דעם ענין פון „יושב אהלים", איז כדי אַז זיין עבודה מיט (און אין) עוה"ז זאָל זיין בתכלית השלימות.

און דערפאַר, מצד ענינו של יעקב, „יושב אהלים", ווערט החלטתו אַז מען דאַרף וועלן עוה"ב, און אויך עוה"ז איז צוליב עוה"ב; אָבער מצד ענינו של עשו איז באַ עם דער עיקר עולם הזה (דער עילוי וואָס קומט אַרויס ע"י דער עבודה אין עוה"ז), און (די עבודה פון) עוה"ב איז צוליב דער עבודה אין עוה"ז.

ט. דערמיט איז אויך מוסבר וואָס חז"ל זאָגן אַז „ויגדלו הנערים" מיינט — גדלות רוחנית, און דער זהר איז נאָך מוסיף אַז אברהם האָט מחנך געווען (אויך) עשו'ן במצות ביז ער זאָל ווערן אַ גדול (ברוחניות) בפועל:

אברהם, האָבנדיק דעם כח פון „יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' גו'"[38], האָט גע'פועל'ט אויף עשו'ן, אַז ער זאָל זיין אַ כובש את יצרו בפועל.

און דאָס איז וואָס דער פסוק איז ממשיך, אַז דער „ויגדל[ו]" פון עשו האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין „ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה" — ווייל אויך דער ענין (ווי דאָס איז מצד אברהם ויצחק) איז למעליותא:

זייענדיק אַן „איש שדה", אַז ער טוט זיין עבודה אין וועלט, איז — בכדי צו גובר זיין און כובש זיין די העלמות והסתרים פון „שדה", האָט עשו געדאַרפט זיין אַ „יודע ציד", כפרש"י[39] „לצוד ולרמות" — ווי ערקלערט בכמה מקומות[40], אַז כדי צו דורכפירן די עבודה אין וועלט דאַרף מען אָנקומען צום ענין ה„רמאות", כביכול: מען דאַרף זיך אָנטאָן אין „לבושי המתברר", ד.ה. אַז די נשמה פאַרנעמט זיך מיט ענינים פון וועלט (ווי אכילה ושתי' וכו') וואָס האָבן אויבנאויף קיין שייכות ניט צו איר, און דורך טאָן די זאַכן לשם שמים וכו' איז זי מברר די ניצוצי קדושה וועלכע געפינען זיך אין די דברים גשמיים.

דאָס אַלץ איז אָבער נאָר ווי דער ענין איז מצד אברהם ויצחק; לפועל אָבער, נאָך דעם ווי ס'האָט אויפגעהערט חינוכו

(37) ראה לקו"ת בלק (עב, א־ב) דבשבת אין צ"ל עבודת הבירורים „כי בשבת אנו בבחי' ישראל". וראה לקו"ש ח"ח ע' 118 הערה 35 בפירוש מרז"ל (אבות פ"ד מ"י) „הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה".

(38) וירא יח, יט. — ולהעיר ממשנ"ת (לקו"ש חט"ו ע' 194 ואילך) בהחילוק בין אברהם ליצחק, שי"ל שמכיון שאברהם ענינו המשכה מלמעלה למטה, לכן הי' בכחו לפעול על ישמעאל שיחזור בתשובה (משא"כ יצחק שלא פעל על עשו שיחזור בתשובה). ועפ"ז מובן מדוע דוקא אברהם הי' יכול להשפיע על עשו ולחנכו במצות, ולא — (אע"פ שהי' אביו) יצחק.

(39) עה"פ.

(40) ראה ד"ה פדה בשלום תש"ג פ"ב ואילך. ועוד. ולהעיר מברכות יז, א: ערום ביראה.